# אברהם גרינבוים

## איטשע-מאיר שפּילרײַן

געבוירן אין ראָסטאָוו אין 1891, אפֿשר אין אַ משפּחה פֿון גערער חסידים (לויט זײַנע נעמען און זײַן זאָגעניש אין אַן אַרטיקל אַז זײַן טאַטע איז פֿון וואַרשע). ווייניק וואָס געשריבן, דאָס דאָ איבערגעשריבן ביכל איז זײַן איינציקע פּובליקאַציע אין בוך פֿאָרם. ס'איז מעגלעך אַז איר איז אַוועקגעגאַנגען פֿון יִדאַרבעטעט -- אַזוי האָט מען עס גערופֿן אין ראַטנפֿאַרבאַנד -- באַצײַטן. ווי געוווּסט איז די דאָזיקע אַרבעט געוואָרן פּראָבלעמאַטיש אין די שפּעטע צוואָנציקע יאָרן און שפּעטער געפֿערלעך ביז גאָר. אין אַ בריוו רייזענען שרײַט ער אַז זײַן הויפּטפֿאַך איז ניט לינגוויסטיק נאָר פּסיכאָטעקניק. שפּילרײַן האָט שטודירט אין הײַדלבערג [חעידעלבערג] און איז געבליבן אין דײַטשלאַנד ביז נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה. אין די מלחמה יאָרן האָט ער זיך באַטייליקט אין מאַרטין בובערס באַוווּסטער צײַטשריפֿט _דער יודע_, איין מאָל מיט אַן ערנסטער רעצענזיע וועגן הערמאַן שטראַקס _יודישעס ווערטערבוך_ (דאָרטן, 1916/1917, זז. 633-636 ) און דאָס צווייטע מאָל וועגן דעם זעלבן מעכאַבערס _יודיש-דײַטשע טעקסטע_ (דאָרטן, 2 [1917], זז. 285-288). אין די רעצעניעס קריטיקירט שפּילרײַן שטאַרקס טראַנסקריפּציע אָבער איס מאָלע היספּײַלעס איבער זײַנע כאַלוצישע אַרבעטן. אין ראַטנפֿאַרבאַנד האָט שפּילרײַן געאַרבעט דרײַ יאָר (1919-1921) אין טביליסי און דערנאָך אין מאָסקווע ווו ער איז געווען דער ערשטער לערער וואָס האָט געלייענט אַ קורס פֿון יִדיש אויף יִדיש אין דעם צווייטן מאָסקווער מעלוכישן אוניווערסיטעט. דאָרטן האָט ער געלערנט ביז 1928. זײַן שפּעטערדיקע גורל איז ניט באַקאַנט, אָבער זײַן נאָמען איז ניט אין די רשימות פֿון די קולטור-טוערס וואָס זײַנען געוואָרן קרבנות פֿון סטאַלין-טעראָר.